# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת ויקרא שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## פסח'דיג מאכן

קמא) דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט יעדעס יאר פאר פסח דאס וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן: "שטויב איז נישט קיין חמץ און קינדער זענען נישט דעם קרבן פסח". מען זאל געדענקען אויסרוימען די חמץ, און נישט האבן נערוועזן פון שטויב אדער נישט חמצ'דיגע זאכן, נאר מקיים זיין די מצוה אזוי ווי די הייליגע תורה זאגט אונז מיר זאלן אויסרוימען די חמץ, און אין די זעלבע צייט זאל מען נישט שחט'ן די טייערע קינדער מען זאל רחמנות האבן אויף זיי, ווייל זיי שפילן דאך דעם גרעסטן ראלע פסח, מיר האבן די מצוה פון פארציילן פאר די קינדער די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, דארף מען זייער אכטונג געבן נישט וויי טון אדער חס ושלום הייבן הענט.

## א סדר ביי מוהרא"ש

קמב) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "איך האב נישט געהאט די זכיה צו זיין ביי מוהרא"ש אויף א סדר, איך האב קיינמאל נישט געזען וויאזוי מוהרא"ש איז מקיים די מצוות פון ליל הסדר, אבער איך קען זיך פארשטעלן וויאזוי מוהרא"ש זיצט אנגעלאנט, און עסט די מצה מיט שמחה און מיט חירות, אן קיין חומרות און אן קיין נערוועזן וכו' וכו'.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א רעדט פון דעם, שטעלט דער ראש ישיבה שליט"א פאר וויאזוי עס האט אויסגעזען ביי מוהרא"ש דער סדר, ווי מוהרא"ש איז געזעסן מיט א מורא'דיגע שמחה און געגעסן די כזיתים מצה; וואויל איז דער וואס האט דאס צוגעזען.

## טשעפען א איד

קמג) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: ביים סדר טיש פון הייליגן סאטמאר רבי'ן זכותו יגן עלינו איז אמאל געווען צוגאסט אן ארץ ישראל'דיגער איד, דער רבי האט באמערקט ווי יעדעס מאל איידער מען האט געטרונקען איינע פון די ד' כוסות אדער געגעסן פון די כזיתים מצה, האט דער איד געוואלט 'זיכער מאכן' ביי דעם וואס איז געזעסן נעבן אים "איז דאס א שיעור רביעית?", "איז דאס א שיעור כזית?".

דער רבי פון אויבנאן האט דאס באמערקט, און ווען עס איז געקומען צו טרינקען איינע פון די כוסות האט דער רבי זי"ע געפרעגט פון דעם איד מיט א שמייכל: "איז דאס א שיעור רביעית?"... דער איז איז געווארן זייער פארשעמט דערפון.

ווען דער רבי האט באמערקט ווי דער איד'ס פנים איז איינגעפאלן האט דאס פאר'ן רבי'ן זייער געענגבערט, אז ער האט אומווילנדיג ווייי געטון א איד. נאכ'ן סדר האט דער רבי געבעטן דער איד זאל צו אים אריינקומען מוצאי יום טוב. מוצאי יום טוב ווען דער איד איז אריינגעקומען צום רבי'ן האט דער רבי געפרעגט דעם איד אויף וואס איז געקומען קיין אמעריקע, האט דער איד געזאגט ער איז געקומען קלייבן נדבות אויף צו חתונה מאכן א קינד, האט דער רבי אים געשאנקן א ריזן סומע געלט וואס האט געקלעקט אויף אלע הוצאות החתונה. אזוי אויך שפעטער ביי זיינע אלע אנדערע קינדער האט אים דער רבי אויסגעצאלט כמעט אלע הוצאות החתונה צו מפייס זיין דעם איד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די מעשה מען זאל זיך ארויסלערנען דאס גרויסקייט פון א צדיק ווי שטארק ער געבט

אכטונג עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול פון אים, אפילו אומווילנדיג.

## פארשעמען אן ארימאן

קמד) דער ראש ישיבה שליט"א איז אמאל געווען אין ארץ ישראל מיט א אינגערמאן א תלמיד פון ראש ישיבה שליט"א, זייענדיג אין גאס איז צוגעקומען אן ארץ ישראל'דיגער איד און געבעטן "צדקה", דער אינגערמאן האט געזאגט צו דעם איד שפאסיג: "איך גיי אויך נאך געלט"... (ווי צו זאגן "וואס שטערסטו מיר יעצט ווען איך האלט אינמיטן רעדן מיט איינעם") פאר'ן ראש ישיבה שליט"א האט דאס זייער פארדראסן, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר דעם אינגערמאן: "דו ווילסט נישט יעצט געבן געלט?! זיי אים מפייס, זאג אים שיין "איך קען נישט יעצט געבן, ביי א צווייטע געלעגנהייט וועל איך דיר אם ירצה ה' געבן"; מבזה זיין אן ארימאן איז זייער הארב!".

דער אינגערמאן האט אמאל געשמועסט מיט'ן ראש ישיבה שליט"א איבער יענע נסיעה, דער אינגערמאן האט דערמאנט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט אים דעמאלט געגעבן א פסק, און די נסיעה פון דעמאלט און ווייטער איז שוין נישט געווען אזוי געשמאק וכו', דער אינגערמאן האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ער האט שוין נישט געקענט מער נעמען די גאנצע נסיעה, ער איז געווארן זייער באליידיגט ער האט געזוכט וואו ער קען זיך באהאלטן וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט מיט פארוואונדערונג: "דיר איז נישט געווען געשמאק?! דיר איז מער נישט ווערד געווען די נסיעה?! מיר איז נישט ווערד געווען די נסיעה צו זען וואו מען פארשעמט אן ארימאן וכו'! א מענטש וואס האט געלט מעג זיך אינטערהאלטן אויפן חשבון פון

ארימעלייט? צו קען א מענטש זיין זיכער ביי זיך די געלט וועט שטענדיג בלייבן ביי אים?!

## לשון הרע

קמה) די אלע וואס רעדן קעגן ערליכע אידן מען טרעפט און מען זוכט ביי ערליכע אידן שלעכטס די דארפן אליינס תשובה טון, דער ראש ישיבה האט געגעבן א ביישפיל. דער ראש ישיבה שליט״א האט דערציילט[א]: א איד איז געקומען צו רבי יענקעלע מ׳פשעווארסק זצ״ל און געזאגט: ״מען דארף איינפירן ביי חסידים מען זאל מער לערנען איבער די הארבקייט פון לשון הרע ווייל ביי חסידים איז מען זייער נישט נזהר אין דעם, מען רעדט אסאך לשון הרע״. האט זיך רבי יענקעלע אנגערופן: ״איך האב שוין לאנג נישט געהערט אזא גוטע לשון הרע״...

## זיך עקלען פון גוים

קמו) דער ראש ישיבה שליט״א זאגט: ״איך ווייס נישט אויב עס איז דא צווישן אונז איינער וואס עקלט זיך פון גוים אזוי ווי איך, איך רעד נישט פון די היימלאזע גוים און שיכורים וואס דרייען זיך אויף די גאסן אנגעטרונקען, די מערסטע עקל איך זיך פון אזוינע גוים וואס מענטשן טראכטן ׳זיי זענען נארמאל׳, וואס מענטשן הערן זיי אויס און קוקן זייערע זאכן, ווי קען מען קוקן וואס גוים רעדן עס איז דאך אזוי עקלדיג״.

[א] מוצאי שבת תרומה תשפ״א לפ״קביים שבע ברכות פון בנו החתן אלחנן חיים נ״י

## א שטארקע אמונה

קמז) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: אן אלטע אידענע איז אמאל געזעסן אליינס אינדערהיים, פלוצלינג האבן זיך איינגעבראכן אין איר הויז באוואפנטע רויבער, זיי זענען גלייך צוגעקומען צו די אלטע פרוי און איר געפרעגט "דו ביזט דא אליינס אינדערהיים"? האט זי געזאגט: ניין. האבן זיי איר געפרעגט: "ווער נאך איז מיט דיר"? האט זי געענטפערט: "דער באשעפער". האבן זיי געפרעגט: "וואו איז ער"? האט זי געוויזן מיט די האנט אויף ארויף: "דא". עס האט זיי אנגענומען א שרעק און זיי זענען אנטלאפן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די מעשה צו אריינברענגען אין אונז אמונה, א מענטש דארף לעבן מיט אייבערשטן, וויסן דער אייבערשטער איז שטענדיג דא מיט מיר, אויף אזוי ווייט ער זאל זיך פון קיינעם נישט שרעקן, אפילו עס קומען רויבער און פרעגן: "דו ביזט דא אליינס"? זאל ער ענטפערן מיט א שטארקקייט: "ניין, איך בין נישט אליינס, דער אייבערשטער איז מיט מיר"! דעמאלט קען אים קיינער שלעכטס טון.

(דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט מען זאל דערציילן די מעשה פאר די קינדער, אריינצוברענגען אין זיי אמונה, אבער מען דארף אכטונג געבן ווען מען דערציילט מעשיות פאר קינדער, נישט צו מאכן די מעשה גאר שרעקעדיג, מען קען מאכן די מעשה אינטערעסאנט און ציענדיג אן דעם וואס מען זאל דאס דערציילן שרעקעדיג, ווייל עס זענען דא קינדער וואס קענען אריינגיין אין פחדים דערפון.)